Rok 2. Kraków, 4 marca 1910 — קראקא, כ"ג אדר א' תר"ע. Nr 9

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

**Żydowska gazeta illustrowana. — Jüdische Illustrierte Zeitung.**

wychodzi każdego piątku. **Prenumerata wynosi**: Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.-Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50. kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M. 3.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.841. **Ogłoszenia przyjmuje**: Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonamentspreis**: jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50 — M. 6 — Frs 7·50. — vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 3·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration**: Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57.841. **Inseraten-Annahme**: Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך 10 קראנען. = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ. — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק. האלביעהריג 7.50. פיערטעליעהריג 4 פראנק. רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקאסטע 62. — טעלעפאן נ' 412. — עסטערר פאסטשפארק.-קאנטא נ' 57,841. אינזעראטען-אננאהמע: אנאנסען-ביוראה „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.

## אנארכיסטישעס אטענטאט איז אינדיעז.



דער פאליציי-פרעזידענט פון בענגאליען ווערד דערשאסען פון א אינדישען אנארכיסט.

## צו דער הייטיגער נומער איז צוגעגעבען די „הבדלה" נ' 3.

דיעניגע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדיגט זיך מיט דיעזער נומער, בעקומען ביינעלעגט א פאסט־שעק, מיט וועלכען זיי זאלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטן צושיקען פון אונזער בלאט.

די פ. ט. אגענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווייל זאנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר' 49. פיליאלע אין לאדז: פשעיאזד נר 16.
אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאשקאני.
אין גאליציען: ס. קאהאן, אנטווערפען.
אין אמעריקא: ש. דרוקערמאן, ניו־יארק, 50 קאנאל־סטריט.

# אנארכיסטישעס אטענטאט אין אינדיען.

ווידער מעלדען די צייטונגען איבער א אנארכיסטישען אטענטאט אויס אינדיען.

די אינדיאנער ווילען זיך מיט אלע כחות בעפרייען פון דער ענגלישער אבערהערשאפט. און נישט האבענדיג קיין כח עס צו טהון ביד־חזקה, ווייל זיי זענען נאך צו שוואך ארגאניזירט און א גרויסער טהייל פון דער בעפעלקערונג פערשטעהט נאך ווייניג צו שעצען די פאליטישע פרייהייט און וויל זיך נישט ענגאזשירען אין א אפענעם קאמפף נעגען די ענגלענדער — איבערדעם האבען זיך ראטט געבילדעט אנארכיסטישע באנדען, וועלכע פערבריינגען אום זיך א שרעק דורך אנארכיסטישע אטענטאטען אויף הויכע ענגלישע בעאמטען.

די אטענטאטען ריכטען זיך קעגען אלע מיני קאטעגאריעס בעאמטען: מיליטערישע, פאליטישע געריכטליכע און פאליציילייכע. אזוי אז אלע ענגלענדער זענען ראטט נישט זיכער מיטן לעבען.

פאריגע וואך איז ווידער פארגעקומען אזא אטענטאט. דער פאליציי פרעזידענט פון בענגאליען איז ארויסגעהענדיג פון זיין ביוראָ, דערשאסען געווארען פון א יונגען אינדיאנער, וועלכער בעקענט זיך אפען צים פאליטישען אנארכיזמוס. דער אטענטעטער איז פערהאפטעט געווארען, ער איז זיך מורה אויף זיין טהאט און ערקלערט, אז ער האט זי בעגאנגען אים אויפטראג פון זיין חברה, וועלכע האט די אויפגאבע, צו בעפרייען די אינדיאנער פון דעם ענגלישען יאך און פון דער ענגלישער אויסביטונג.

דאס אטענטאט, פון וועלכען מיר ברענגען א אריגינאלע אילוסטראציע אין אונזער היינטיגער נומער, האט אין ענגלאנד ארויסגערופען גרויסע בעשטירצונג און שרעק. די ענגלישע בלעטער פערלאנגען, מען זאל זיך נעהמען שטרענגער צו די אינדיאנער, אבער אויך דאס וועט ניט העלפען.

# א לאנדטאג אין כינא.

דאס קאנסטיטוציאנעלע פרינציפ פערשפרייט זיך אלמעהליך איבער דער גאנצער וועלט און ס'וועלען שוין נישט קיין סך צעהנדליגער יאהרען פערגעהן און אין אלע וועלט טיילען וועלען זיין דעמאקראטישע שטאאטספארמען.

כינא איז דערווייל נאך איינס פון די ווינציגע לענדער, וועלכע ווערען אבסאלוטיסטיש רעגירט און שוין זעהן מיר דארט א פארשריט אינ'ם פאליטישען לעבען.

אין דער כינעזישער פראווינץ קיאנגסו, וועלכע איז בעקאנט דורך איהר רעזידענץ שאנגהאי, איז אונלענגסט ערעפנעט געווארען דער ערשטער לאנדטאג.

אין דעם נייעם לאנדטאג נעהמען אנטהייל 125



דער קמיר פון בוכהארא (X) מיט זיינע בעגלייטער.

אבגעארדנעטע וואס ווערען געוועהלט פון פאלק אין א ח"ץ זיי עפליכע רעגירונגס־בעאמטען.

אין דער פאליטישער וועלט האלט מען די קאנסטיטואירונג פון דעם ערשטען כינעזישען לאנדטאג פאר א פארבעדיינגונג פון פאליטישער פרייהייט און קאנסטיטוציאנעלער שטאאטס־פארמע פון גאנץ כינא.

דאס בילד, וועלכעס מיר ברענגען און דער איצטיגער נומער, שטעלט פאר די מיטגליעדער פונ'ם לאנדטאג אין קיאנגסו.

# א נייע מעדיצינישע ערפינדונג.

די בעריהמטע פאריזער כעמיקערין פרוי קוריע, האט ערפינדען א זעלטענעס מעטאל, מיט דעם נאמען: „פאלאניום". וועלכעס איז 5000 מאל שטארקער ווי דאס ערשט ערפינדענע מעדיצינער־מיטעל ראדיום.

די פרוי קוריע איז געווען פערהייראטעט מיט'ן בעריהמטען פיזיקער קוריע אויס פאריז, וועלכער האט ערפונדען דאס אויבען־ערוועהנטע „ראדיום", צו וועלכען זי האט איהם אויך צונעהאלפען. איהם האט פאסירט א אונגליק, א אויטאמאביל האט איהם איבערגעפאהרען און ער איז דאפין טאקי געשטארבען, אבער איהר האט עס נאר נישט געשאדט. אין זי זעצט ווייטער פארט איהרע וויסענשאפטליכע שטודיען.

דערווייל איז איהר געלונגען צו ערציינען 1 צעהנטעל מילגראם פון דער „פאלאניום". פאר דער מעדיצינישער וועלט הייסט דאס אבער א גענוג גרויסער קוואנטום.

די ערפינדערין דאפון פרוי קוריע, וועמעס בילד מיר ברענגען אין דער געגענוועהרטיגער נומער, איז פראפעסארין דער כעמיע אין דער פאריזער אוניווערזיטעט.




א לאנדטאג אין כינא: די מיטגליעדער פון לאנדטאג אין קיאנגסו.



ראס-אולי, זיין לעצטער וואהנארט.

# ערמארדונג פון עגיפטישען מיניסטער-פרעזידענט.

אין קאירא איז פארינע וואך דערשאסען געווארען דער עגיפטישער מיניסטערפרעזידענט בוטראס פאשא ווען ער איז געפאהרען שפאצירען דורך די גאסען. דער אטענטעטער, א יונגער מאן, איז אַרעסטירט געווארען. ער איז א מיטגליעד פון א געהיימער פאליטישער געזעלשאפט וועלכע וויל עגיפטען בעפרייען פון דער ענגלישער פרעמדהערשאפט און ווייל דער מיניסטער-פרעזידענט האט געגאלטען אלס פריינד פון די ענגלענדער, איבערדעם האט מען איהם ערמארדעט. די אנגעלעגענהייט וועט נאך זיך ציהען גרויסע פאליטישע פערוויקלונגען.

# אבקויפען דער מוטער רחל'ס קבר.

איינער פון די עלטסטע, גרעסטע און בעקאנטסטע יודישע רבנים, גאונים, געלעהרטע און כלל-טהוער פון די לעצטע צייט, הרב הגאון ר' יואל זעליג זאלקינד, דער ווינא-ארער רב, איז איצט צו גאסט אין נויארק.

ער איז געקומען קיין אמעריקא צוליעב א וויכטיגע, אלגעמיין-יודישע, רעליגיעזע און נאציאנאלע אנגעלעגענהייט, ווי אבקויפען פאר דאס יודישע פאלק דעם היסטארישען און הייליגען קבר רחל, דאס הייסט: דאס שטיק הייליגע לאנד, אין ארץ ישראל, וואו עס רוהען די ביינער פון די געליעבטסטע פון אלע אמהות, אונזער מוטער רחל.

די איינציגע בעווייזע אויף אונזער טויזענד יעהריגע עקזיסטענץ איז אונזער אור-אלטע געשיכטע ועגען די הייליגע קברים פון אונזערע אבות ואמהות; די מערת המכפלה, דאס קבר פון אינזער מוטער רחל, וועלכעס געפינט זיך אויף דעם וועג פון ירושלים קיין חברון, די קברים פון די מלכי בית דוד אויף דעם הר ציון, די קברים פון די נביאים, סנהדרין און נאך אנדערע פון אונזערע אמאליגע העלדען. אבער די טערקישע רעגיערונג און קירכע האבען ביסלעך וייז פערכאפט די אלע הייליגע קברים, זיי אויסגעבויט מיט מאהאמעדאנישע קירכען און בתי קברות און קיין יודען ווערען צו זיי נישט צוגעלאזט, אהן א בעזונדער ערלויבניש, וועלכע מען קען קריגען נור מיט די הילף פון שווערע בעמיהונגען און גרויסע באבא"ר. דער איינציגער הייליגער קבר צו וועלכען דער צוטריט פון יודען איז נאך גאנץ פריי, איז דער מוטער רחל'ס קבר, אבער אויך דיזער איז שוין אויך באלד פערכאפט פון די מאהאמעדאנער, און אויב מיר וועלען זיצען און גאר נישט טאהן אום צו זאָרגען דאפיר אז ער זאל בלייבען אונזער אייגענטהום, וועט ער אויך גאר אין גיכען זיין געשלאסען פאר יודען, אזוי ווי אלע אנדערע דערמאנטע הייליגע קברים.

פון איין זייט פון דעם הייליגען קבר רחל איז יודען לאנג נישטא קיין צוטריט פאר יודען. ציליעב דעם מאהאמעדאנישען בית הקברות וואס געפינט זיך דארט, די צווייטע זייט אבער איז ביז די לעצטע צייט געווען פריי. צוליעב די בעמיהונג פון דעם זעליגען יודישען פילאנטראפ סיר משה מאנטיפיארע און דעם זעליגען יודישען גאון און חכם ציון הרב ר' צבי הירש קאלישער ז"ל, פון וועלכע דער ערשטער האט פערזארגט דעם קבר מיט אן אהל און דער צווייטער האט אין יאהר תרל"ה, דורך זיין משולח ר' מרדכי יפה ז"ל, אבגעקויפט דעם קבר מיט דעם גאנצען לאנד ארום איהם און עס געשענקט צו די ירושלים'ער יודען, מיט דעם בעדינג זיי זאלען דארט בויען עטליכע יודישע אינסטיטוציעס. די ירושלים'ער יודען האבען אבער זייער פליכט פערנאכלעסיגט; און וויל יעדע פריוואטע לאנד וואס ווערט נישט איינגענוצט איז פערלוירען פון 30 יאהר, גייט איבער צוריק צו דער רעגיערונג און ווערט איהר אייגענטהום, האט די טערקישע רעגיערונג נאך צוריק מיט 2 יאהר געוואלט פערקויפען דעם הייליגען קבר צוזאמען מיט דאס שטיק לאנד נעבען איהם צו מאהאמעדאנער, וועלכע האבען געוואלט בויען א קירכע (מעטשעט) אויף דעם קבר. דאמאלס האט די



אבקויפען דער מוטער רחל'ס קבר: הרב ר' יואל זעליג זאלקינד.

נעשיכטע געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף די יודען אין ארץ ישראל און אין ירושלים איז דאמאלס געגרינדעט געווארען א קאמיטע אונטער דעם פארזיץ פון דעם חכם באשי הרב ר' אליהו מ. פאניזיל, מיט דעם צוועק צו זאמלען געלד און ווידער אבקויפען דעם הייליגען קבר צוזאמען מיט די לאנד ארום איהם. די קאמיטע האט אויסגעווירקט אז די רעגיערונג זאל ווארטען ביז די נויטיגע געלד וועט געזאמעלט ווערען. זייט דאן זענען שוין אריבער צוויי יאהר. די סומע געלד איז נאך נישט געשאפען געווארען און די טערקישע רעגיערונג איז איצט ווידער בערייט צו פערקויפען דאס יודישע היילינגטהום פאר א מאהאמעדאנישע קירכע. וועגען דיזען שרעקליכען צושטאנד האט זיך דערוואוסט דער 72 יעהריגער יודישער גדול הרב ר' יואל זעליג זאלקינד. וועהרענד ער איז פאריגעם יאהר געווען אין ארץ ישראל און ער האט אויף זיך פרייוויליג גענומען די הייליגע און שווערע מיסיאן צו שאפען די נויטיגע סומע געלד אום אבצוקויפען דעם קבר מיט דאס גרויסע שטיק ערד, ארום איהם, וואו עס געפינען זיך זעהר גוטע ווינקעלעך אין פלאנצונגען, אום צו בויען דארט א בית המדרש, א סאנאטאריום מיט נאך אנדערע יודישע אנשטאלטען.

דער ווירדיגער גאון האט זיך גענומען צו די הייליגע מיסיאן זעהר ענערגיש, און נישט קוקענדיג אויף זיין גרויסע עלטער און אויף זיין שוואכקייט האט ער בערייזט די גרעסטע יודישע צענטרען אין רוסלאנד, דייטשלאנד און ענגלאנד, וואו ער האט געגרינדעט קאמיטעס אין



אבקויפען דער מוטער רחל'ס קבר: דאס קבר.

בעשטעלט משולחים צו זאמלען געלד. און איצט איז ער געקומען אין אמעריקא מיט דעם זעלבען צוועק.

עס איז קיין צווייפעל, אז אלע יודען וועלען פערשטעהן די וויכטינקייט פון די גרויסע אונטערנעהמונג פאר דעם יודישען פאָלק און אלע וועלען העלפען דעם אלטען יודישען גאון צו זאמלען וואס גיכער די גרויסע סומע געלד, וועלכע איז נויטיג אום צו מאכען דעם הייליגען קבר פון דער געליעבטער מוטער פאר דאָס איינענטהום פון איהרע געליעבטע און טרייע קינדער. דאס יודישע פאָלק.

# דער עמיר פון בוכארא איז פעטערסבורג.

אין פעטערבורג ווילט איצט דער עמיר פון בוכאַרא, סייד אַהאַד כהאַן, וואו ער האָט געלאָזט אויף זיינע אייגענע קאסטען בויען א מאהאמעדאנישען טעמפעל (א מאַשעע) און ער האָט אויך פאָרגענומען די לעגונג פון ערשטען שטיין צו דעם טעמפעל.

ביים רוסישען הויף איז דער אזיאטישער פירסט עמפפאנגען געוואָרען בכבוד גדול. דען האטשי ער איז פאָליטיש אבהענגיג פון רוסלאנד און געפינט זיך אונטער אנ'אַרט רוסישען פראטעקטאראט, א'ז ער פאָרט א מעכטיגער פירסט און די פאליטישע קרייזען אין רוסלאנד רעכענען זיך שטארק מיט איהם.

דער עמיר א'ז אויך זעהר רייך און ביי זיין אויפענטהאַלט אין פעטערסבורג האט ער זיך געלאזט קאסטען היבש געלד.

אין רוסלאנד עקויפטירט איצט א פ־אנע וועגען די בוכא־ער יודען, אלס בלומ־שטע „אויסלענדער“ לאוט מען זיי דארט נישט וואהנען און עס האט געקאסט פיעל שתדלנות, מען זאָל זיי ערלויבען פראוויזאריש דעם אויפענטהאלט אין רוסישע געגענדען. איצט האָבען זיך יודישע כלל־טהוער אין פעטערסבורג געווענדעט צום עמיר. וועלכער האט זיך פאר זיי משתדל געווען ביי דער רוסישער רעגיערונג און א דאנק זיין שתדלנות לאזט מען זיי דערוויל דארט ויצען נישט־געשטערט.

# א שיפסבראנד איז א האפטז.

מ׳האָט שוין געהערט פון שריפות אויף שיפען, וועלכע ענטשטעהען צוליעב אונפאָרויכטיגע האנדלונגען אָדער דורך אנ׳עקספּלאָזיע, אָבער פון אזא שריפה, וועלכע איז יענע וואָך געווען אין האפען פון גראוואזא (דאַלמאַציען) האָט מען זעלטען ווען געהערט אָדער געלעזען.



דאס אצעאנישע מוזעאום אין מאנאקא.

אָהן א שום עקספּלאָזיע, האָט זיך פלוצים אינ־וויינינ אין שיף „פארטונאטא“ אָנגעכאפּט און דורך דער גרויסער מעננע היי, וואָס איז דאָרט געלעגען, האָט זיך דאס פייער אזוי פערשפרייט, אז מ׳ון לעשען איז געווען אונמעגליך צו דענקען אפילו, די מאַנשאַפט האָט גע־ארבייט אויף אלע כלים, מ׳האָט געפרובט האָטשי אָב־ראַטעווען א קליינעם טייל פון דעם גרוי׳סען טירקישען האנדעלסשיף, מ׳האָט זיך געסטאַרעט די מאַגאַזינען אב־צוראַטעווען און די גרויסע מעננע סחורות ארויסצובע־קומען, אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט.

דאס פייער האָט זיך וואָס אמאָל אַלץ מעהר און מעהר פערשפרייט און מ׳האָט מורא געהאַט, אז די אנדערע שיפען וועלכע זענען געווען אין האפען, זאָלען זיך ניט אויך אָנכאפּען און אין גאנצען פערברענט ווערען. צוויי טעג האָט די שריפה געדויערט און ס׳איז געווען אזא פייער. אז ס׳איז ניט מעגליך נאָכצודערצעהלען.

ערשט אויפ׳ן דריטען טאָג איז עס געלונגען דאס ברענענדע שיף אויפ׳ן וואסער ווייט פונ׳ם האפען ארויס־צושיבען און דארט האָט מען עס מיט דינאמיט גע־שפרענגט, דער קנאַל פון דעם שיף האט געמאכט ציטערן די גאנצע געגענד פון גראוואָזא און איפ׳ן ים איז געווען אזא געבעל, אז ס׳איז ניט מעגליך געווען, צו זעהן פאר זיך אויף א טריט.

אונזער בילד ווייזט דאָס ברענענדע שיף און די ארבייט, ביים לעשען.



שיפס־בראנד אין גראוואָזא



א אייז־קאַטאַסטראָפע אין ענגלאנד: די צערשטערטע שטאָרט פארט רעפּאוט.

# די יודישע וועלט.

## א נייע יודישע שוהל אין ארעם.

אין ארעם האט זיך איצט געגרינדעט א שוהל מיט'ן נאמען „חברה מתפללים בשלומה של מלכות". וועלכע שטעלט זיך צום צוועק צו פערשטארקען אין ארעם צווישען יודען די אמונה אין גאט און טריינהייט צום זעלבסטהערשענדען קייזער און דער מלוכה. אלס יסוד פאר דער נייער חברה דיענען די בעוואוסטע ווערטער פון ר' חנינא: „הוה מתפלל בשלומה של מלכות, שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו" (זייט מתפלל פאר'ן קייזער און דער מלוכה, ווייל נישט די מורא פאר זיי, וואלט איינער דעם צווייטען לעבעדינערהייט אויפגעגעסען).

## יודישע סעקטעס צווישען קאזאקען.

אין קובאנער און דאנער ראיאנען זענען שוין זייט יאהרען פערשפרייט פערשיעדענע רעליגיעזע סעקטען, וועלכע שיידען זיך שטארק אב פון דער אפיציעלער פראוואסלאוויע.

מיט א פאר יאהר צוריק האט זיך צווישען די קובאנער קאזאקען אויך געבילדעט א סעקטע מיט'ן נאמען דאס „נייע פאלק ישראל", וועלכע צעהלט ביז טויזענד מיטגליעדער.

ווייל די גרינדער פון די סעקטען זענען געווענליך נישט געבילדעטע, נאר איינפאכע מענשען, וואס זוכען גאט מיט בלינדע אויגען, דארום האט זיך די סעקטע באלד צוטיילט אויף צוויי ריכטונגען. איין טייל האלט פון תורת־משה, פערמישט מיט יסודות פון אלטען קריסטענטום, וועלכע זיי היטען אב זעהר שטרענג א צווייטער טייל ווידער, האט אינגאנצען פערלוירען דעם גלויבען, היטען נית אב קיין רעליגיעזע מנהגים און טהוען אליין, וואס דאס הארץ גלוסט.

דער פעלדוואלטער פון קובאנער קאזאקען־געגענד איז זיך דרום איצט משתדל, מען זאל אנגעהמען שטרענגע מיטלען געגען דער צווייטער סעקטע.

## די יודישע וואהנרעכט אין ליפלאנד.

אין רינא איז ארויסגעגעבען געווארען א בעפעהל צי דער פאליציי, אז מען זאל שטרענג אכטונג געבען, אז די יודען, וואס האבען נישט קיין וואהנרעכט אויסער'ן תחום זאל מען גלייך ארויסשיקען. וועגען יענע יודען, וואס האבען וואהנרעכט אויסער'ן תחום, למשל, בעלי־מלאכות, פעלדשערם, דאנטיסטען א. ד. ג. נאר זיי בעשעפטיגען זיך נישט מיט זייער מלאכה — דארף מען גלייך מעלדען דער פאליציי פערוואלטונג, אז זי זאל אנגעהמען די נעהערינע מיטלען.

נאך א צופאל מיט יודען איז נישט לאנג פארגעקומען אין לעיאסצעני, ליפלענדער גוב. איינינע יודישע איינוואהנער האבען זיך געווענדעט צו דער וואלאסט־פערזאמלונג מיט א השתדלות מען זאל זיי פערעכענען צו דער דארפס־געמיינדע, אויב נישט פערלירען זיי דאס וואהנרעכט. די וואלאסט־פערזאמלונג האט די השתדלות צוגעזאגט צו ערפילען, נאר בתנאי, אז זיי זאלען זיך שמד'ען... פערשטעהט זיך, אז זיי האבען דעראויף נישט מסכים געווען...

## שמד איבער געוואלט.

א פוילישע פרויפישליאק האט ארויסגענגב'עט א 12־יעהריג יודיש מיידעל פון דער פאמיליע א־אקאנסקי אין נאווא־ווילייסק, ווילנ. גוב. מ'זוכט, מ'פארשט — נישטא. דערצעהלען פויערים, אז זי געפינט זיך בעהאלטען אין אין געוויסער קירך. האט זיך אבער דער גלח דערוואוסט, אז די עלטערען פון דעם קינד קומען, האט ער עס אריבערגעפיהרט אין אן אנדערען פלאץ (מ'זאגט קיין טשענסטאכאוו).

אן עהנליכע געשיכטע אין סוועציאן: א בעדיענטער אויף דער אייזענבאהן האט ערגיץ פערפיהרט א יודיש מיידעל. די מוטער זוכט זי און פערפאלען. און נאר נישט: שרייַ חי וקים.

## השתדלות פון נישט יודען — פאר יודען.

דער פערבאט פאר יודען צו וואוינען אויף די זומער־וואוינונגען אין קיעוו האט געטראפען די איינגעטימער פון די לאנד־הייזער אין באיערקע: זיי האבען פערדונגען זייערע הייזער צו יודען נאך פאר־א־יאהרען, און איצט בלייבען זיי אהן קוואטיראנטען אויף זומער. שיקט מען א דעפוטאציע צו סטאליפינען, ער זאל מתיר זיין באיערקע פאר יודען, אדער — יודען פאר באיערקע.

## שטיצע פון לאנדאן פאר טעלזער ישיבה.

די אלמנה פונ'ם פערשטארבענם טעלזער ראש הישיבה ר' אליעזר גארדאן האט ערהאלטען פון דעם לאנדאנער ראטשילד'ן אן אנווייזונג אויף טויזענד רובל און פונ'ם יודישען לארד סוויטלינג אן אנווייזונג אויף 500 רובל אויף די בעדערפנישען פון טעלזער ישיבה.

## „נחת" פון קינדער.

אין חארקאווער געריכט איז איצט פארגעקומען א פראצעס, וואס איז בעזונדערס אינטערעסאנט נישט אזוי פיעל דורך דעם אורטייל פון די געשווארענע ריכטער ווי דורך דעם בילד, וואס עס גיעט פון דעם לעבען און די בעציהונגען, אין וועלכער עס געפינען זיך א געוויסער טייל פון דער יודישער יוגענד אין די רוסישע גובערניעס.

דעם 14־טען אפריל 1909, איז די אלטע פרוי שרה גינזבורג געגאנגען אויפ'ן פיש־מארק, פלוצלונג, האט זי דערפיהלט ווי אימיצער נעהמט איהר נאך און איידער זי האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען, האט מען איהר אבגעגעסען מיט וויטריאל דעם פנים. דאס מיידעל, וואס האט איהר אבגעגאסען האט דער רעדבעי אויסגעשריען: „איך האב מיינס אבגעטהון, איצט מעגסטו פאהרען".

די אלטע פרוי איז געפאלען מיט א פערברענטעם געזיכט און אויגען, און מען האט איהר באלד געמוזט אבפיהרען אין שפיטאל, וואו די בעסטע חארקאווער דאקטוירים האבען איהר געהיילט. ס'האט אבער נישט געהאלפען; די אלטע שרה גינזבורג איז געבליבען בלינד.

די וואס האט דער אלטער אבגעגאסען מיט וויטריאל, אנאסטאסיא זשוקאווא, האט זיך גאר נישט געפרובט אנטלויפען, מען האט זי גלייך ארעסטירט און איצט איז פארגעקומען איהר פראצעס מיט דער בעטיילונג פון געשווארענע ריכטער.

די אנגעקלאגטע האט מודה געווען, אז זי האט עס טאקי בעגאסען דער אלטער פרוי און האט איהר בלינד געמאכט, אבער די שטראף האט זי עהרליך פערדיענט. דער ביי האט זי דערצעהלט די געשיכטע פון איהר ליעבע, וועלכע האט איהר געבראכט דער צו.

„איך האב זיך בעקאנט מיט וואלאדיא, — האט דאס מיידעל דערצעהלט — א פופצעהן־יעהריגען יונגעל. דער אלטער שרה גינזבורג'ס א זוהן, מיט וועלכען איך פלעג מיך יעדען טאג טרעפען און איך האב איהם ליעב געקריגען, און ער מיך אויך, אז ער האט אמאל נישט געקענט קומען, פלעגט ער מיר שיקען א צעטעלע און מודיע זיין דערפון. ער האט מיר צוגעזאגט זיך שמד'ן און חתונה האבען מיט מיר. ענדליך האבען מיר אנגעהויבען לעבען ווי מאן און ווייב. פלוצלונג האט ער מיר אוועקגעווארפען, האט מיך אויס געשריען און האט געזאגט, אז ער פאהרט קיין יעקאטערינאסלאוו אויף א שטעלע. איך האב זיך אבער דערוואוסט, אז די גאנצע פאמיליע קלויבט זיך גאר ארויסצופאהרען קיין אמעריקא, פון פערצווייפלונג האב איך געקויפט וויטריאל אום זיך צו נעהמען דאס לעבען. אויפ'ן מארק האב איך זיך אבער געטראפען מיט דער פרוי שרה גינזבורג, און האב בעסער אויסגעגאסען די וויטריאל איהר אין פנים אריין".

די בלינדע שרה גינזבורג האט געשילדערט די געשיכטע אין גאנץ אנדערע פארבען, זי האט דערצעהלט, ווי אזוי זשוקאווא, וואס האט געדיענט ביי א שכן, האט פערפיהרט דעם 15 יעהריגען יונגעל, ווי אזוי זי האט איהם אנגערעדט ער זאל גנב'נען פון שטוב און איהר אוועקטראגען, און מיט בלוט פערלאפענע אויגען־גריבער (ווייל די אויגען זענען איהר אויסגערונען), האט זי געוויינט די מערדערין, וועלכע האט איהר מיט איהר קינד אזוי אומגליקליך געמאכט.

דיעזעלבע שילדערונג האט אויך געגעבען דאס יונגעל וואלדיא פון זיין „געליעבטער", ביי וועלכער ער איז נישט געווען דער ערשטער געליעבטער.

די געשווארענע האבען נאך א קורצער בעראטונג פון סך־הכל עטליכע מינוט, דער אנאסטאסיא זשוקאווא פריינגעשפראכען.

## די יודישע בעטלער אין ניו־יארק.

אין ניו־יארק האט זיך געגרינדעט א געזעלשאפט צו קעמפפען געגען די פראפעסיאנעלע בעטלער. די געזעלשאפט איז געגרינדעט געווארען דורך דער איניציאטיווע פון פרעזידענט פון דער ניו־יארקער צדקה־חברה זשיימס פארבעס, וועלכער האט דורך שטיצע פון דער פאליציי געזאמעלט ידיעות איבער 9 טויזענד פראפעסיאנעלע בעטלער, וואס טרייבען אין שטאדט זייער געשעפט.

אינטערעסאנט איז די מיינונג, וואס פארבעס זאגט ארויס איבער די יודישע בעטלער.

די יודען — זאגט פארבעס — בילדען צווישען די ניו־יארקער פראפעסיאנעלע בעטלער דעם קלענסטען פראצענט. צווישען די 9 טויזענד בעטלער, וואס ער האט אונטערזוכט, זענען סך־הכל דריי הונדערט יודען, שוין צוזאמען מיט די קאליעקעס און קראנקע, וואס דער טוירט ליעגט ווי אויפ'ן נאז. אין דעם חשבון נעהמט שוין אריין די פערשיעדענע פושקעס־זאמלער, וואס קלויבען אויף ישיבות, חברות און בעקומען א געוויסען פראצענט פון הכנסה.

די יודישע בעטלער אונטערשיידען זיך פון די אנדערע — לויט פארבעס בעריכט — דורך דעם וואס א גרויסער טייל פון זיי האט זיך ערקלעהרט גרייט אוועקצוווארפען די בעטלעריי און זיך נעהמען צו א־בייט, אויב מ'וועט זיי נאר געבען דערצו געלעגענהייט.



בורטאָס פּאשא — דער ערמאָרדעטע עגיפּטישע מיניסטער־פּרעזידענט.

איהר תנאים געגעבען אַ מתנה פון אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר.

אין איצט האָט באַראָן דע פאָרעסט פערלוירען אויך זיין צווייטעס ווייב, וועלכער דער שעהנער גאַרדע אפּיציער איז טהייערער ווי איהר מאַן מיט זיינע מיליאָנען.

זי ווערט איצט געזוכט אין דער גאַנצער וועלט פון פּינקערטאַן דעטעקטיווס וועלכע איהר מאַן האָט געדונגען; אָבער דערווייל איז נאָך פון איהר קיין שפּור נישטאָ, אייניגע זאָגען, אַז זי און איהר געליעבטער בעהאַלטען זיך ביי איהר מוטער. אַנדערע ווידער ערקלערען, אַז זי איז מיט איהם אַנטלאָפען קיין ניו־יאָרק אונטער אַ פאַלשען נאָמען.

# א אצעאניש מוזעאום אין מאנאקא.

מאָנאַקאָ — דאָס אָרט, וואו ס'געפינט זיך די וועלט־בעקאַנטע שפּיעל־באַנק און וואו ס'זענען ביז איצט געפאָהרען נאָר די יעניגע, וואָס האָבען דאָרט געוואָלט



ראיס אולי, דער פער'ססטער גובערנאטור פון טאנגער.

פערשפּילען זייער לייכט ערוואָרבענעם געלד — וועט איצט ווערען אַ וויסענשאַפטליכער צענטרום.

אינם חודש מערץ 1910 וועט דאָרט עריעפענט ווערען דאָס ניי־געגרינדעטע אָצעאַניש מוזעאום. אין וועלכען ס'וועלען זיך געפונען זעמטליכע לעבעדיגע בריאות, וואָס געפונען זיך אין אָצעאַן.

ווי בעקאַנט, האָט מען די פערשידענע חיות און פיש, ביז אַצינד נישט געקענט זעהן לעבעדינערהייט און דאָס אָצעאַנישע מוזעאום אין מאָנאַקאָ, וועט זיין פאַר דער וויסענשאַפט אַ גרויסער נצחון.

דער גרינדער פון דעם אינטערעסאַנטען מוזעאום, איז מאָקי דער דאָרטיגער פירסט אַלבערט, וועלכער האָט איבער'ן אָצעאַן געמאַכט אַ פאָרשונגס־נסיעה און האָט אַליין געכאַפּט און געזאַמעלט די אַלע בעשעפעניש'ן, וואָס וועלען איצט זיין צו זעהן אין דעם דאָרטיגען מוזעאום.

דאָס מוזעאום־געביידע, פון וועלכען מיר ברענגען דאָס בילד אין דער היינטיגער נומער, געפינט זיך דאָרט ביים ים־ברעג.

# ראים אולי.

יענע וואָך איז אין פעץ (מאראקא) געשטאָרבען דער גובערנאַטאָר פון טאַנגער ראים אולי.

דער מאַן האָט זיך ארויפגעראַפּעט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן צו זיין גדולה, געווען איז ער אַ פּשוט'ער רייבער, אַ מערדער, וואָס דער צווייטער איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. זיין ספּעציאַליטעט איז בעשטאַנען דערינען, וואָס ער פלעגט כאַפּען אויסלענדער און פלעגן פאַר זיי פערלאַנגען אויסלעזגעלד. דער סולטאַן פלעגט דאָס געלד מוזען בעצאהלען, אויס מורא מ'זאָל זיך ניט אריינמישען אין זיינע אינערע ענינים. אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרען אַ געפירכטעטע פּערזאָן אין דער גאַנצער געגענד און דער סולטאַן אליין האָט פאַר איהם געהאַט אימת מות און האָט איהם געמאַכט פאַר גאָווערנער אין טאַנגער.

דאָרט ערשט האָט ער ארויסגעוויזען זיין אכזריות און זיין טיראַניי. מ'דערצעהלט אַ פאַקט, אַז איינמאָל האָט ער 80 מענשען, וואָס האָבען אין איהם מורד געווען, געכאַפּט און האָט זיי געלאָזט מיט אייזערנע הייסע רישער אויסברענען די אויגען. דערנאָך האָט ער זיי געלאָזט אָבהאַקען די הענד און די אויערען און דאַן ערשט דעם קאָפּ. ביי די אַלע גרויזאַמקייטען איז ער געשטאַנען, זיך געריכערט דעם ציגאַר און מיט קיין אבר אפילו ניט גערוהרט. די שוועסטער זיינע האָט חתונה געהאַט מיט אַ בעאַמטען, וועלכער האָט דערנאָך געוואָלט נעהמען נאָך אַ ווייב. דאָס איז זיין שוועסטער ניט געפעלען און זי האָט עס דערצעהלט ראים אולי'ן. ער האָט תחילת געשוויגען. דעם טאָג פון דער חתונה איז ער מיט 20 בעוואַפענטע מענשען אריינגעפאַלען צו זיין שוואָגער און האָט אליין דערהאַרגעט די כלה מיט איהר מוטער.'

אַ זאָלכע גרויזאַמע געשיכטען זענען געווען ביי איהם מעשים בכל יום און די גאַנצע וועלט האָט מיט איהם געקלונגען.

יענע וואָך האָט איהם דער מאַראָקאַנישער סולטאַן פערגאַרט קיין פעץ און דאָרט האָט מען איהם פערסמיט.

אונזערע בילדער שטעלען פאַר ראים אולי'ן און זיין אוניפאָרם מיט די אָרדען און זיין וואָהנונג, ווי ער האָט לעצטענס געוואוינט.

# א אייז־קאַטאַסטראָפע אין ענגלאנד.

צו דערוועלבער צייט וואָס מיר האָבען אין גאַליציען אַזאַ לייכטען ווינטער, זענען אין ענגלאַנד געווען אַזעלכע שטאַרקע פּרעסט, וועלכע האָבען אויך פערורזאַכט קאַטאַסטראָפען.



באַראָנעסע דע פאָרעסט.

א'ום דער שטאָדט פּאָרט־דעפּאָזיט זענען אַלע טייכען און וואַסערן געפרוירען געוואָרען און ווען די פּרעסט האָבען נאָכגעלאָזט, אַזוי זענען אונגעהייערע שטיקער אייז ארויסגעשליידערט געוואָרען אויף דער יבשה איבער דער גאַנצער שטאָדט.

די גאַסען זענען געווען מעטער־הויך בעדעקט מיט אייז און די באַהנליניעס זענען געווען דער־אָרט בעדעקט, אַז דער באַהנפערקעהר האָט געמוזט איינגעשטעלט ווערען. ס'זענען אפילו אסך הייזער, וואָס זענען געשטאַנען מחוץ־לעיר, פונ'ם אייז איינגעוואָרפען געוואָרען.

דאָס בילד, וואָס מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער, שטעלט פאָר די שטאָדט פּאָרט־דעפּאָזיט, אין וועלכער ס'איז פאָרגעקומען די אייז־קאַטאַסטראָפעס.



פרוי קיריע, די ערפינדערין פונ'ם „ראַדיום".

# א נייער ראמאַן.

אין דער היינטיגער נומער ענדיגט זיך דער ראָמאַן „אים האַרעם פון סולטאַן" און אין קומענדיגער נומער הייבען מיר אָן צו דרוקען אַ נייעם אריגינעלען היסטאָרישען ראָמאַן

## „דער גר־צדק".

נעהערעם אין קומענדער נומער.

# עפּילעפּסיע.

ווער עס אן פאלזוכט, קרעמפּפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען לייעדט, פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס אונד פראנקא דורך די
**Privil. Schwanen-Apotheke**
**Frankfurt a. M.**

---

פאן איינען עסטעררייכישען באנקהויזע ווערדען טיכטיגע פלאצפערטרעטער צור ענטגעגעננאהמע פון בעשטעללונגען אויף לאזע נעגען ראטענצאהלונגען נעגען האהע פראוויזיאן געזוכט.
אפערטע זינד צו ריכטען:
Anker Posada-Olechowska Postrestante

---



זאדאוואסער-מאשינען קופּפער צילינדער אלעראַרט בעדארפס-ארטיקעל פיר זאדא-וואסער-פאבריקען ליפערט ביללינ
Brückenstein Lemberg, Panieńska 15

---

Die
besten Erfolge
erzielen P. T. Fabrikanten und Kaufleute durch Inserierung im
‚Eisenbahn-Courier‘
Anfragen erledigt:
Das Reklame-Bureau
„PRINCIPIA“
Krakau, Markagasse 21.

---

די פערטרעטונג פיר טארנאוו פון דער „ניו-יארקער אונטערנאציאנאלער ביבליאטהעק
האט איבערנומען די פירמא:
**SALAMON NEUMAN, TARNOW**
**Buchhandlung.**
אילוסטרירטע קאטאלאגען גראטיס און פראנקא׳

---

# געהער עהל

פונים בעריהמטען אבערשטאבסארצט און פיזיקוס הר. ג. שמידט בעזייטיגט שנעל און גרינדליך טויבהייט אויערן-פלוס אויער-זשומען און שווער-הער-ריגקייט אפילו׳ ביי פעראלטעטע פעלע
צו בעציהען א 4 קראנען די פלאש
מיט געברויכס-אנווייזונג דורך די
Apothke H. RUBEL
vorm. S. Rucker, Lemberg.

---





·Cacao·
Hoff
Przewyższa · wszystkie · dotychczasowe · marki · Jana Hoffa fabryka · czekolady · i kakao · WIEDEŃ-STADLAU·

---

Kluge Eheleute
bestellen sofort gegen Einsendung von nur 60 Heller in Briefmarken das Buch Ehe u. Liebe ohne Kinder, durch Frau
**Hüller, Leipzig-Li., 22.**
Leutzscherstrasse 3·

---

Für Wien-Reisende!
**Hotel Nordwestbahn**
**Wien II, Taborstr. 47**
(beim Nordwest u. Nordbahnhof) empfiehlt schöne, reine Zimmer um K. 2 50 8 Min. vom Stadtzentrum. Alle Auskünfte im Hause.
*Zimmermann*, Besitzer.

---

**50—60 K.**
**wochentlichen Nebenverdienst**
können Herren und Damen durch Übernahme einer Vertretung in patentierten Bureauartikeln und Neuheiten verdienen.
Prospekte 30 Heller in Marken.
Naheres: Versandtgeschaft B. Weinberg S dogóra Bukowina.

---

Bettnässen!
Befreiung sofort, Alter und Geschlechts angeben. Auskunft umsonst. Institut Aeskulap Nr. 476 Regensburg in Bayern.

---

„VLAHOV“
najlepsza hygieniczna specyalność światowej sławy, o cudownie wzmacniającem działaniu na żołądek.
„MARASCHINO CREME“
przewyższa wobec swej doskonałości wszystkie pod tą nazwą wyrabiane likiery,
dostarcza:
**R. VLAHOV, Zara w Dalmacyi.**
Zastępca dla Galicyi i Bukowiny·
ALOJZY GROBLER
Dom komisowy w Krakowie. Telefon Nr. 518.

---

Reparaturen
von
Nähmaschinen
aller existierenden Systeme
wie auch
Elektrischer-Glocken —
übernimmt
zu billigen Preisen
Erwin Fuchs
Elektro-Mechanische-Anstalt-
und technische Niederlage.
Krakau, Senackag. 10.
Provinz-Aufträge werden promptest effektuirt.

---





Chemiczna fabryka pasty do obuwia
„BŁYSZCZ“
D. Gottlieb, Lwów
Krakowska 27.

---

Soeben erschienen:
„ZEÏDIJJE“
Das goldene Buch der Schönheitspflege
Verfasst von Ph. MR. GUSTAV PROCHE
Apotheker und Inhaber des chemisch-kosmetischen Laboratoriums Brčka, Bosnien.



Zeidijje

Inhalt:

1. Vorwort.
2. Was ist die Schönheit?
3. Was nennt man Schönheitspflege?
4. Jede Dame kann schön werden.
5. Systematische Schönheitspflege.
6. Wie die Orientalin die Schönheitsmittel gebraucht.
7. Ueppiger Haarwuchs.
8. Behandlung spröder, struppiger Haare,
9. Pflege der Augenbrauen und Wimper.
10. Haarfarbe schwarz.
11. Tägliche Mund- und Zahnpflege.
12. Gutachten.

Versand diskret gegen Vorauseinsendung von 80 H (auch in Briefmark.) portofrei durch:

Parfumerie ORIENTALE
GUSTAVE PROCHE
BRČKA - BOSNIE
ОРИЈЕНТАЛСКА ПАРФИМЕРИЈА
Густав Прохе, Брчко-Босна

